IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**גרויסער רוף פֿון דער שעה • The Great Call of the Hour (Part Two)**

by Hillel Zeitlin, translation by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (March 2016)

For the online version of this translation:

http://ingeveb.org/texts-and-translations/the-great-call-of-the-hour-part-2

# גרויסער רוף פֿון דער שעה
# THE GREAT CALL OF THE HOUR (PART TWO)

Hillel Zeitlin
translated by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

**Introduction:** Hillel Zeitlin (1871-1942) was the leading figure of what may be called "philosophical neo-Hasidism" among Eastern European Jews in the pre-Holocaust era. A tireless author, journalist, and polemicist, he published constantly in both the Yiddish and Hebrew presses, offering a bold new vision of contemporary spiritual life grounded in his reading of Hasidic sources. But Zeitlin sought to become an activist as well as a literary figure. He was especially concerned with the situation of the rootless Jewish youth. Throughout his career as a public figure, beginning shortly after World War I, he issued calls for a new organization of Jewish life. In a series of articles published in the 1920s, he sought to form an elite Jewish spiritual fraternity to be called *Yavneh*, which was the most fully elaborated of his attempts at intentional community.

The following essay by Zeitlin is part of his original call for the formation of an elite Jewish spiritual fraternity, published in *Der moment* in 1923.

To read more essays written by Zeitlin about *Yavneh* see:
https://ingeveb.org/texts-and-translations?tag=yavneh.
For more background on Zeitlin's *Yavneh*, please read the longer scholarly introduction here:
http://ingeveb.org/articles/the-great-call-of-the-hour-hillel-zeitlins-yiddish-writings-on-yavneh

# The Great Call of the Hour (Part Two)

## The Primary Foundation

> No longer shall your name be called Jacob, but Israel. For you have struggled with both God and men and prevailed (Gen. 32:29).
>
> This one shall say, "I am Y-H-W-H's." This one shall call himself by the name of Jacob. And this one shall write upon his hand "Y-H-W-H's" and name himself by the name of Israel (Isa. 44:5).

The primary foundation of the future Yavneh must be built out of a fraternal organization of special and even exceptional individuals, all of whom espouse the following goals: 1) to live and to educate children according to the highest ideals of Israel, 2) to clarify and deepen these ideals, 3) to teach and to spread these ideals among Jews in general and Jewish youth in particular, and 4) to clarify and properly illuminate these ideals for non-Jews as well.

"To live according to the highest ideals of Israel"—what does this mean? It means that every Jew who declares himself a member of this association must embody in his life not only the humble simplicity of "Jacob" but also the loftier spiritual power of "Israel." "Jacob" allowed himself to be frightened away by Laban and Esau, he bent and bowed before them, spoke submissive words to them, sent Esau gifts, feared retaliation by the Canaanites and Perizzites. And even though he received a divine promise that the Almighty would forever guard him, protect him, be *with* him wherever he might go, "Jacob" continued to feel afraid, continued to feel overwhelmed by an *fear* that would never leave him. In contrast, "Israel" represents one who is embattled by giant forces throughout the darkness of night, but overpowers them and forces them to bless him as the morning star rises in the sky. Today, we continue to live in the terrifying darkness of night. The colossal forces rallied against us continue in their ever greater ambitions to strike us down. But so too endures the promise of an approaching day.

The new association of Jews which I wish to call to life must consist of people who know that Israel's struggle in the midst of its two-thousand-year old night of exile is not a struggle for national existence alone. Nor does its struggle represent a plea to bring forward one political or economic ideology or another. Rather, Israel's struggle aims above all else to lift up life, to illuminate it, to render it holy. Contrary to what our enemies may ascribe to us, ours is not a fight for external power. Ours is a struggle to make manifest the kingdom of heaven, an embodiment of the strictest notions of justice and truthful expressions of life's fraternity, vitality, freshness, purity, and holiness. Externally, this struggle is garbed in religio-doctrinal forms on the one hand, and socio-political forms on the other. However, the inner essence of this struggle much more fundamentally comprises our fight for transcendence and purification; our desire to triumph over heaviness, stagnation, and backwardness, over the abyss and destructiveness to which material reality can lead. This is the struggle of humanity, created in the image of God, against the blind forces of nature.

The belief in progress, the belief that the world is always getting better, lies not only in our blood and flesh, but in the innermost soul of every Jew. Despite what many maintain, this notion of progress is not Aryan. It is pure Israelite. Genuine Aryan thought falls in line either with the truly pessimistic conceptions of Hindu-Buddhist philosophy, or as Ovid says in his poem *Metamorphoses*, posits the degeneration of the world's joy and goodness over time. (For Ovid, existence began with a golden age, was succeeded by a silver age, a bronze age, then an iron age from which blood and sorrows endlessly spill). Israel alone faithfully awaits an age that will come, the Messiah who has not yet come and who will bring the world to the completion of repair. Without surcease, Israel alone awaits this "end of days," this time of eternal peace, this great and holy Sabbath of Sabbaths within history. However much this belief in eternal progress appears in other philosophic systems or scientific theories, the aspiration towards perfecting and illuminating reality ultimately derives from Israel's belief in the "end of days," from our belief that we must eternally strive towards this "end of days" through continuous improvement.

The difference between the ordinary philosophic-scientific belief in progress and Israel's messianic belief in an eternal striving towards an "end of days" primarily consists of the fact that "progress" focuses solely on a process of perfecting technology, commerce, industry, and empirical sciences. In the best case, this philosophic-scientific notion of "progress" also focuses on the perfection socio-economic conditions. But for Israel "progress" means something more. It means a never-ending religio-ethical and mystical-transcendent process of "purification, clarification, and uplifting."

Many believe that "progress" in the pure European sense of the word also brings with it an improvement and refinement of human behavior, as well as ever more exacting standards of justice. Reality mercilessly dispels such a belief, however. Rousseau demonstrated with the greatest clarity that advancements in science or technology in no way guarantee advancements in human ethics. Tolstoy, among others, demonstrates this point even more sharply.

Israel's faith, however, is based on something different: belief in an eternal good that inheres in all places and at all times. It is an eternal good whose being, existence, and sustenance all derive from that which "every day and forever renews in its goodness the deed of creation." This is a faith in the divine light, placed into the soul of every human being, especially into the souls of Israel, who have come down to earth only to give it light and that is the entire purpose of their descent into bodily existence. The meaning of history from Israel's perspective is to reveal how this light unfolds, both in them and around them, ever more brightly, ever more purely, ever more mightily.

Every evil deed—every transgression—that a person commits debases, darkens and pollutes not only the one who does it, but the entirety of existence. Because with every transgression, the impurity of existence thickens. But what exactly do we mean here by "impurity?" Impurity is that which stops up, conceals and disallows the divine light to penetrate. In parallel fashion, every good deed, every mitzvah that a person sincerely performs, refines, beautifies, and consecrates not only its agent, but the entirety of existence. With every good deed (be this in thought, word, or—most of all—in action) the wall that divides material existence from the light of God grows thinner and thinner.

All this is in regard to the individual. Regarding the collective, one must multiply the above by billions and trillions. Even so, one ray of light drives away much darkness. In any case, there is both a transcendent and immanent creative power in the good deeds of humankind, and of Israel specifically, of whom it is written: “This people have I created for Me; they shall tell My praise” (Isa. 43:21). Such deeds drive out the heavy clouds that conceal the most exalted sun. If this process is not always externally visible, that is because it takes place first and foremost internally, within the most deeply hidden recesses of the human soul. But when this process verges on completion, divine light will break forth with awesome power. And at that time all will clearly perceive it. “And the glory of Y-H-W-H will be revealed; and together will all flesh see; for the mouth of Y-H-W-H has spoken” (Isa. 40:5).

Not only will the spirit be capable of seeing at this time, but the “flesh,” the body, will sense it completely.

And from this proceeds the awesome holy task, a task to which all Israelites who recognize themselves as newly created will feel called. In fraternity, togetherness, and communion with all those who feel similarly, each will consecrate his own powers to bring to fruition, both within and around themselves, the process of “clarifying,” “uplifting,” and “elevating” humanity.

# גרויסער רוף פֿון דער שעה

**דער ערשטער יסוד**

> לא יעקבֿ יאָמר עוד שמך כּי אם ישׂראל, כּי שרית עם אלהים ואַנשים ותּוכל [בראשית לב, כט].

> זה יאמר לד׳ אָני וזה יקרא בשם יעקבֿ וזה יכתּבֿ ידו לד׳ ובֿשם ישׂראל יכנה
> (ישעיה מ״ד, ה).

דער ערשטער יסוד פֿון דער צוקונפֿטיקער יבֿנה דאַרף זײַן אַ ברידערלעכער פֿאַרבאַנד פֿון יחידים און יחידי־יחידים, וועלכע מוזן זיך שטעלן אַלס ציל:
א) צו לעבן אַליין און דערציִען די קינדער לויט די העכערע אידעאַלן פֿון ישׂראל; ב) אויפֿקלערן און פֿאַרטיפֿן די דערמאָנטע אידעאַלן; ג) לערנען און פֿאַרשפּרייטן די דערמאָנטע אידעאַלן צווישן ייִדן בכלל און ייִדישער יוגנט בפֿרט; ד) אויפֿקלערן און ריכטיק באַלײַכטן די דערמאָנטע אידעאַלן אויך פֿאַר נישט־ייִדן.

„לעבן אַליין לויט די העכערע אידעאַלן פֿון ישׂראל“. וואָס באַטײַט עס? דאָס באַטײַט אַזוי: יעדער ייִד, וואָס דערקלערט זיך אַלס חבֿר צום דערמאָנטן פֿאַרבאַנד, דאַרף פֿאַרקערפּערן אין זײַן לעבן נישט נאָר די תּמימות פֿון „יעקבֿ“ נאָר אויך די העכערע גײַסטיקע מאַכט פֿון „ישׂראל“. „יעקבֿ“ לאָזט זיך אָפּשרעקן פֿון לבֿנען און פֿון עשׂון, בייגט זיך און בוקט זיך פֿאַר זיי, רעדט מיט זיי הכנעהדיקע רייד און שיקט צו עשׂון מתּנות, שרעקט זיך פֿאַר דער נקמה פֿון כּנעני און פּריזי, באַקומט הבֿטחות פֿון דעם אַלמעכטיקן, אַז ער וועט זײַן מיט אים און וועט אים היטן, וווּ ער וועט גיין, און ער האָט דאָך שטענדיק מורא און עס טוט אים אַנגסט. „ישׂראל“ איז אָבער דער, וואָס ריזיקע קרעפֿטן קעמפֿן מיט אים אין דער פֿינצטערקייט פֿון נאַכט און ער באַהערשט זיי און צווינגט זיי צו בענטשן אים, ווען עס גייט אויף דער מאָרגן־שטערן. מיר לעבן נאָך יעצט אויך אין שטאָק פֿינצטערניש און די ריזיקע קרעפֿטן שטרעבן אומצוּוואַרפֿן אונדז נאָך מער ווי פֿריִער. עס איז שוין אָבער דאָ אַן אָנזאָג אויף אַ נאָענטן טאָג...

דער נײַער פֿאַרבאַנד, וועלכן איך וויל אַרויסרופֿן צום לעבן, דאַרף באַשטיין פֿון מענטשן, וואָס וויסן, אַז דער קאַמף פֿון ישׂראל אין דער טויזנטער־יעריקער גלות־נאַכט, איז נישט אַ קאַמף פֿאַר בלויז נאַציאָנאַלן קיום און פֿאַר פֿאַרטיידיקן די אָדער יענע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, נאָר אַ קאַמף פֿאַרן אויפֿהייבן, פֿאַרשענערן און פֿאַרהייליקן דאָס לעבן. דאָס איז נישט אַ קאַמף פֿאַר אויסערלעכער מאַכט – ווי די פֿיל שׂונאים אונדזערע שרײַבן אונדז צו – נאָר אַ קאַמף פֿאַר מלכות־שמים, וועלכע מיר באַגרײַפֿן אַלס מלכות פֿון שטרענגסטער גערעכטיקייט, אמתער ברידערלעכקייט, געזונטקייט, פֿרישקייט, ריינקייט און הייליקייט פֿון לעבן. אויסערלעך טוט זיך אָט דער קאַמף אָן אין רעליגיעז־דאָגמאַטישע פֿאָרמען פֿון איין זײַט און סאָציאַל־פּאָליטישע פֿאָרמען פֿון דער צווייטער זײַט. דער אינערלעכער מהות פֿון אָט דעם קאַמף איז אָבער דער קאַמף פֿאַר עליה, פֿאַר הזדכּכות, פֿאַר איבערווינדן דאָס שווערע, דאָס פֿוילע, דאָס צוריקגייענדיקע, דאָס צום אָפּגרונט און פֿאַרניכטונג גייענדיקע אין דער מאַטעריע. דאָס איז אַ קאַמף פֿונעם „אָדם“, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן „בצלם־אלוהים“ אויף צו באַהערשן די בלינדע סטיכיע...

דאָס גלויבן אין פֿאָרטשריט, דאָס גלויבן אין דעם, אַז די וועלט גייט וואָס ווײַטער, ווײַטער צום בעסערן, ליגט נישט נאָר אין בלוט און פֿלייש, נאָר אויך אין פּנימיות־הנשמה פֿון יעדן ייִדן. דער באַגריף „פֿאָרטשריט“ איז נישט קיין אַרישער, ווי מען מיינט, נאָר אַ ריין־ישׂראלדיקער. דער אמתער אַריער דענקט אָדער בראַמאַניסטיש־בודיסטיש, ד״ה עכט־פּעסימיסטיש, אָדער ווי אָווידיוס אין זײַנע „מעטאַמאָרפֿאָזן“ זאָגט, אַז די וועלט גייט, אינעם זין פֿון גליק און גוטסקייט, אַלץ צוריק, צוריק (פֿריִער די גאָלדענע צײַט, נאַכהער די זילבערנע, די קופּערנע, נאַכהער די אײַזערנע – אייביקע בלוט־פֿאַרגיסונגען און צרות אָן אַ סוף). נאָר ישׂראל האַלט אין איין וואַרטן אויף דער צײַט, וואָס וועט קומען, אויף דעם משיח, וואָס איז נאָך נישט געקומען, און וועט קומען אויף צו ברענגען די וועלט צום גמר־התּיקון. נאָר ישׂראל וואַרט אָן אויפֿהער אויף „אַחרית־הימים“, אויף דער צײַט פֿון אייביקן שלום, אויף דעם גרויסן, הייליקן „שבת־שבתון“ פֿון דער געשיכטע. אויף וויפֿל עס איז דאָ אין אַלערליי מעגלעכסטע פֿילאָזאָפֿישע

סיסטעמען און וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריעס דאָס פֿעסטע גלויבן אין דער אייביקער באַוועגונג צום בעסערן און צום ליכטיקערן, איז עס אַ פּראָדוקט פֿון ישׂראלס גלויבן אין דעם „אַחרית־הימים“, צו וועלכן מען דאַרף אייביק שטרעבן דורכן אייביקן פֿאַרפֿאָלקאָמענען.

דער אונטערשיד צווישן דעם געוויינטלעכן פֿילאָזאָפֿיש־וויסנשאַפֿטלעכן גלויבן אינעם פּראָגרעס און דעם גלויבן פֿון ישׂראל אין אייביקן אַראָפּברענגען משיחן און אייביקער שטרעבונג צום „אַחרית־הימים“ באַשטייט נאָר דערין, וואָס דער „פּראָגרעס“ האָט פֿאַר זיך נאָר די אייביקע פֿאַרפֿאָלקאָמונג פֿון טעכניק, פֿון האַנדל און אינדוסטריע, פֿון עמפּירישע וויסנשאַפֿטן, אין בעסטן פֿאַל, אויך פֿון סאָציאַל־עקאָנאָמישע פֿאַרהעלטענישן, אין דער ציַיט, וואָס ישׂראל גלייבט דערביַי אויך אין די אומויפֿהערלעכע רעליגיעז־עטישע און מיסטיש־איבערמענטשלעכע „צירוף“ און „בירור“ און „זיקוף“.

פֿיל מענטשן גלייבן, אַז דער ״פּראָגרעס״ אינעם ריין אייראָפּעיִשן זין פֿונעם וואָרט ברענגט צו דער אויסבעסערונג און אויספֿיַינערונג פֿון די מידות און צו אַלץ שטרענגערער און שטרענגערער גערעכטיקייט. די ווירקלעכקייט צעשטערט אָבער אומברחמנותדיק יענע גלויבן. שוין רוסאָ האָט אויפֿגעוויזן מיט דער גרעסטער קלאָרקייט און שאַרפֿקייט, אַז די פֿאַרפֿאָלקאָמונג פֿון דער טעכניק, פֿון וויסנשאַפֿטן אאַז"וו. האָבן בשום־אופֿן־ואופֿן נישט געבראַכט צו דער אויסבעסערונג פֿונעם מענטשנס מידות. נאָך בולטער האָבן עס טאָלסטוי און פֿיל אַנדערע באַוויזן.

ישׂראלס גלויבן איז אָבער נאָך אויף עטוואָס אַנדערש באַזירט: אויפֿן גלויבן אין דאָס אייביק גוטע, וואָס איז דאָ אין אַלע ציַיטן און אַלע וועלטן, דאָס אייביק גוטע, וואָס האָט זיַין בריאה, זיַין קיום און זיַין יניקה אין דעם, וואָס איז „מחדש בטובֿו בכל יום תּמיד מעשׂה בראשית“. דאָס איז אַ גלויבן אינעם געטלעכן אור, וואָס איז אַריַינגעגעבן געוואָרן אין אַלע מענטשלעכע נשמות, באַזונדערס אין די נשמות פֿון ישׂראל, וואָס קומען אַראָפּ מתּחילה אויף דער ערד, אום צו ליַיכטן און דאָס, נאָר דאָס איז דער זין פֿון זייער גאַנצן זיַין אין קערפּער. דער זין פֿון דער געשיכטע, אין ישׂראלס אויפֿפֿאַסונג, איז אויף צו אַנטדעקן אין זיך און אַרום זיך אָט דעם אור אַלץ העלער און העלער, ריינער, ריינער, מעכטיקער און מעכטיקער.

יעדע שלעכטע זאַך („עבֿירה“), וואָס אַ מענטש טוט, פֿאַרגרעבט, פֿאַראומרייניקט און פֿאַרפֿינצטערט, נישט נאָר אים, דעם טוענדיקן, נאָר אויך כּללות־העולמות, וויַיל דערמיט ווערט אַלץ געדיכטער און געדיכטער די טומאה. וואָס איז אַזוינס „טומאה“? – טומאה איז דאָס, וואָס פֿאַרשטאָפּט און פֿאַרשטעלט און דערלאָזט נישט דאָס געטלעכע ליכט אַריַינצודרינגען. דאַקעגן יעדע גוטע זאַך („מיצווה“), וואָס אַ מענטש טוט באמת פֿאַראיידלט, פֿאַרשענערט און פֿאַרהייליקט, נישט נאָר אים, דעם טוענדן, נאָר אויך כּללות־העולמות, וויַיל יעדע גוטע זאַך (סיַי אין מחשבֿה, סיַי אין דיבור, באַזונדערס אין מעשׂה) מאַכט אַלץ איידעלער און דינער די וואַנט, וואָס פֿאַרשטעלט די מאַטעריעלע וועלט פֿונעם געטלעכן אור.

דאָס איז בנוגע צום פּרט. בנוגע צום כּלל מוז מען נעמען די זעלבע זאַך פֿאַרגרעסערט אין ביליאָנען, טריליאָנען אאַז"וו מאָל. איין שטראַל פֿון ליכט פֿאַרטריַיבט אָבער פֿיל פֿינצטערניש. ממילא האָבן די גוטע מעשׂים, וואָס ווערן געטאָן פֿון דער גאַנצער מענטשהייט, באַזונדערס פֿון ישׂראל, וואָס אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן: „עם זו יצרתּי לי תּהלתי יספּרו“ [ישעיה מג, כא], אַ געוויסע איבערוועלטלעכע און אינוועלטלעכע שאַפֿונגסקראַפֿט, וואָס פֿאַרטריַיבט און פֿאַריאָגט די געדיכטע וואָלקנס, וואָס פֿאַרשטעלן די אַצילותדיקע זון. אויב אויסערלעך, איז עס נישט אַלע מאָל צו באַמערקן, איז עס נאָר דערפֿאַר, וויַיל אָט דער פּראָצעס קומט פֿאָר אין די באַהאַלטנסטע באַהעלטענישן פֿון די מענטשלעכע נשמות, און ווען אָט דער פּראָצעס וועט האַלטן ביַי פֿאַרענדיקט ווערן, וועט דער געטלעכער אור אויסברעכן מיט אַ מוראדיקער געוואַלד און דאַן וועלן אים אַלע באַשיַימפּערלעך דערזען – ״ונגלה כּבֿוד ד׳ וראו כל בשׂר יחדו כּי פּי ד׳ דבר״ [ישעיה מ, ד].

נישט נאָר דער **גײַסט** וועט דאַן דערזען, נאָר אויך דער „בשׂר“, דער **קערפּער**, וועט עס גענצלעך דערשפּירן...

פֿון דאַנען קומט אַרויס די מוראדיק הייליקע אויפֿגאַבע, וואָס יעדער פֿון די, וואָס אָנערקענען זיך פֿאַר ניַי־געשאַפֿענע בני־ישׂראל מוז דערפֿילן: הייליקן זיַינע כּוחות, אין צוזאַמענהאַנג, פֿאַראייניקונג און פֿאַרברידערונג פֿון אַנדערע

ענלעכע צו אים, אויף רײַף צו מאַכן אין זיך און אַרום דעם פּראָצעס פֿון „בירור“, „זיקוף“ און „העלאה“ פֿון דער מענטשהייט.
(ענדע פֿונעם פּרק קומט).